# אין דעם אידישע

# אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען פון דער אידישער רעליגיעזער וועלט

## הרב סאָלאָווייציק'ס גרויסע רעדע

הרב דר. יוסף בער סאָלאָווייציק, איינער פון די גרעסטע גאונים און געלערנטע פון אונזער צייט, האָט איינגעפירט אַ מנהג, אַז יעדעס יאָר צום יאָרצייט פון זיין באַרימטען פאָטער, הגאון ר' משה סאָלאָווייציק, זאָגט ער אַ שיעור לכבוד דעם פאָטער'ס אָנדיינק. פאַראַכטאָגען מיטוואָך אָוונט, ג' שבט, איז געווען דער יאָרצייט און ער האָט געהאַלטען דעם יערליכען שיעור.

צווישען דעם טויזענט קעפּיגען עולם, וועלכער האָט אָנגעפילט דעם גרויסען בית מדרש פון ישיבת ר' יצחק אלחנן, וואו מען איז געשטאַנען ממש קאָפּ אויף קאָפּ, האָט מען געזעהן די פּראָמינענטסטע רבנים, ראָשי ישיבות, ישיבה־בחורים פון אַלע ישיבות, סטודענטען, פּראָפעסאָרען, העברעאישע און אידישע שרייבער און ליטעראַטען און סתם בעלי־בתים לומדים. אַלע זיינען געקומען הערען און לערנען.

הרב סאָלאָווייציק האָט פאַר פיר שעה צייט, פון 8 ביז 12 אין מיטען נאַכט, כסדר געהאַלטען געשפּאַנט אָט דעם קאָלירפולען עולם.

דער גלענצענדער תורה־שיעור איז געווען געפלאָכטען פון הלכה און אגדה, פילאָזאָפיע און קלאַסישען דרוש.

איינער פון די הויפּט־געדאַנקען זיינע איז געווען, אַז די גרויסקייט פון דעם מענשען ליגט דערין, וואָס גאָט האָט אים באַשטימט אַלס פאַרזעצער פון מעשה־בראשית. ער, דער מענש, איז געשטעלט געוואָרען צו פאַרפאָלקאָמען און צו פאַרשענערען דעם באַשאַף און אויסצורייסען דאָס שלעכטע, סיי פון דער נאַטור און סיי פון דער מענשהייט. און אַזוי ווי די חז"ל זאָגען, אַז דער מענש דאַרף זיך לערנען פון די געטליכע מדות צו זיין גוט און רחמנות'דיג, אַזוי דאַרף אויך דער מענש זיך לערנען פון דער געטליכקייט צו זיין אַ יוצר, אַ שאַפער. דער מענש דאַרף זיין דער פאַרזעצער פון דער באַשאַפונג פון דעם אָרט וואו גאָט האָט איבערגעלאָזען ביים ענדע פון די בראשית טעג. און דורכדעם ווערט דער מענש אַ שותף אין מעשה־בראשית. און כאָטש דאָס קומט אָן דעם מענשען מיט גרויסע יסורים, קען עס אָבער אַנדערש ניט זיין. שאַפען מוז קומען דורך יסורים, ווייל דער וואָס פּרובירט שאַפען אָהן יסורים איז עס קיין שאַפונג ניט.

דעם דאָזיגען געדאַנק זיינעם האָט ער אילוסטרירט מיט פאַרשידענע משלים. צום ביישפּיל: דער טייך מי־

— פון —

**הרב א. ב. שורין**

מיט גרויס פייערליכקייט און דערהויבענקייט אין די קרייזען פון ליובאַוויטשער חב"ד חסידים איבער דער גאַנצער וועלט. די הויפּט „הילולא" (פייערליכקייט) איז אָבער געווען אין דער צענטראַלע פון די ליובאַוויטשער חסידים אין איסטערן פּאַרקוועי, אין ברוקלין, וואו עס וואוינט דער איצטיגער ליובאַוויטשער רבי, אדמו"ר ר' מנחם מענדעל שניאורסאָן שליט"א, וועלכער איז דער רבי און נשיא פון חב"ד חסידים איבער דער גאַנצער וועלט.

צו דעם יאָרצייט זיינען זיך צונויפגעקומען חב"ד חסידים פון פילע שטעט און שטעטלעך אין אַמעריקע, ווי אויך פון קענעדע און מדינת־ישראל.

נעכטען, פון גאָר באַגינען אין דער פרי, האָבען זיך געצויגען הונדערטער ליובאַוויטשער חסידים אין קאַרס און אין טעקסיס צו דעם חב"ד בית עולם, וואָס געפינט זיך אויף דער אַלטער מאָנטעפיאָרע סעמעטערי, אין ספּרינגפילד, לאָנג איילענד, כדי מתפלל צו זיין אויפ'ן קבר פון רבי'ן. אָבער די הויפּט־פּראָצעסיע צום קבר איז געווען אַרום צוויי אַזייגער ביי טאָג, ווען דער איצטיגער רבי שליט"א האָט געענדיגט דאַוונען שחרית און איז געפאָרען צום אוהל פון רבי'ן. צוזאַמען מיט'ן רבי'ן זיינען געפאָרען אין באַסעס די נאָענטסטע חסידים און די ליובאַוויטשער ישיבה־בחורים.

אויפ'ן קבר פון רבי'ן איז אויסגעבויט אַן אוהל (אַ שטיבעל) פון גראַניט־שטיין, וועלכער האָט געקאָסט אַרום צוואַנציג טויזענט דאָלאַר.

אין דעם אוהל איז געשטאַנען דער רבי און מתפלל געווען. אויך האָט מען אים געזעהן לייענענדיג צעטעלעך, בריף און אפילו טעלעגראַמעס, וואָס זיינען אָנגעקומען צום רבי'ן פון ווייטע מקומות מיט בקשות מתפלל צו זיין פאַר די יעניגע חסידים, וואָס האָבען אַליין ניט געקענט קומען. די בקשות זיינען אָנגעקומען פון דער גאַנצער וועלט, וואו עס געפינען זיך נאָר ליובאַוויטשער חסידים.

דער קלימאַקס פון יאָרצייט איז אָבער געווען דער „פאַרברענגען" (התועדות) נעכטען ביינאַכט. אַרום צוויי טויזענט חסידים און פאַרערער האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין „בילטמאָר האָל" אין ברוקלין, וואו דער רבי האָט געפּראַוועט אַ טיש. די חסידים זיינען געשטאַנען אויף די ביינק און אויף די פענסטער און

מאָמענט פון העכסטען עקסטאַז, ווען די נשמות פון די חסידים ווערען, על פי חסידות און קבלה, מקושר (צוגעבונדען) צו דער נשמה פון רבי'ן זצ"ל אין דעם טאָג פון יאָרצייט. דער איצטיגער רבי האָט געזאָגט, סיי אַ „מאמר חסידות" און סיי שמועסען (שיחות), און צווישען יעדען שמועס האָבען די חסידים געזונגען האַרציגע נגונים פון די פריהערדיגע ליובאַוויטשער רביים.

דער רבי האָט זעהר פיל גערעדט וועגען אהבת ישראל און די מעלות פון אידען, סיי אַלס פאָלק און סיי פון יעדען אידען אַלס יחיד. ער האָט אויך גערעדט וועגען דער וויכטיגקייט פון פאַרשפּרייטען די לערע פון חסידות, ספּעציעל אין דער איצטיגער צייט.

דער איצטיגער רבי האָט אויך אַרויסגעגעבען אַ ספּעציעלען ביכעל — „מנהגי היאָרצייט", וואו עס איז אָנגעצייכענט מיט אַלע פּרטים ווי אַזוי די חב"ד חסידים דאַרפען זיך פירען אין דעם טאָג פון יאָרצייט און וואָס מען זאָל לערנען.

## גרויסער באַנקעט לכבוד דעם אַפּשלוס פון אַ יאָר גמרא לערנען אויפ'ן ראַדיאָ

לעצטען שבת צו נאַכט איז פאָרגעקומען אַ גרויסער באַנקעט אין „שאַטאָ גאַרדענס האָל", אין ניו יאָרק, לכבוד דעם אָפּשלוס פון ערשטען יאָר לערנען גמרא אויפ'ן ראַדיאָ, דורך הרב פנחס טייץ, פון עליזאַבעט.

צוועלף הונדערט געסט, מענער און פרויען, האָבען זיך באַטייליגט אין דער דאָזיגער תורה־שמחה. צווישען די געסט האָבען זיך געפונען די באַרימטסטע רבנים און ראָשי־ישיבה פון ניו יאָרק.

אַ הערליך בילד איז געווען צו זעהן ווען דער טויזענט קעפּיגער עולם איז געזעסען אַרום די שעהן געדעקטע טישען מיט גמרות אין די הענט און זיך צוגעהערט ווי דער עליזאַבעטער רב, הרב טייץ, האָט פאַרגעלערענט דעם בלאַט גמרא פאַר אַלעמען. מען האָט עס אויך געהערט אויפ'ן ראַדיאָ סטעישאַן דאַבעליו־אי־ווי־די.

גאָר אַ גרויסע באַגייסטערונג האָט אַרויסגערופען צווישען די געסט, ווען מען האָט געהערט די שטימע פון דעם הויפּט־רב פון ישראל, הרב יצחק הלוי הערצאָג, ווען ער האָט באַגריסט מיט וואַרימע ווערטער דעם גרויסען עולם אין זאַל, ווי אויך דעם איניציאַטאָר און רבי'ן פון דעם „דף השבוע" אויפ'ן ראַדיאָ, הרב פנחס טייץ.

עס האָבען אויך באַגריסט דער

בראשית. און כאָטש דאָס קומט אָן דעם מענטשן מיט גרויסע יסורים, קען עס אָבער אַנדערש ניט זיין. שאַפען מוז קומען דורך יסורים, ווייל דער וואָס פּרובירט שאַפען אָהן יסורים איז עס קיין שאַפונג ניט.

דעם דאָזיגן געדאַנק זיינעם האָט ער אילוסטרירט מיט פאַרשידענע משלים. צום ביישפּיל: דער טייך מיסיסיפּי גיסט זיך יעדן פרילינג אַריבער איבער זיינע ברעגען. אזוי איז דער טייך מיסיסיפּי אַרוים פון דער געטליכער האַנט און עס איז איבערגעלאָזן געוואָרן צום מענטשן ער זאָל מיט זיין אינזשינערישער חכמה איינצאַמען די וואַסערן, אז דער טייך זאָל ניט ברענגען קיין שאָדן.

וועגן די יסורים פון שאַפונג האָט ער געבראַכט פון זיין זיידן רבי חיים בריסקער, וועלכער האָט געזאָגט: אויב אַ ראש־ישיבה זאָגט אַ שיעור אויף וועלכן ער האָט ניט געאַרבייט שווער מיט יסורים — טויג אַזאַ שיעור ניט.

גאָר באַזונדערס האָט הרב סאָלאָווייטשיק זיך אָפּגעשטעלט אויף דער געשיכטליכער אַנטוויקלונג פון אידישן פאָלק און אויף די גרויסע יסורים וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט זינט זיין עקזיסטענץ. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס אידישע פאָלק וואָלט אָבער ניט געקענט ווערן קיין גרויס פאָלק, ווען ער וואָלט ניט דורכגעמאַכט אַט דעם לאַנגען יסורים־וועג פון גלות. שוין אַברהם אָבינו, דער ערשטער איד, האָט אויפ'ן געטליכן באַפעל, געמוזט נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט. שפּעטער האָבן זיינע אייניקלער געמוזט דורכמאַכן דעם שווערן גלות פון מצרים. און דער גלות־מצרים האָט ערשט געמאַכט פון אידען אַ גרויס פאָלק.

## ליובאַוויטשער חסידים ביים יאָרצייט פון ליובאַוויטשער רבי'ן

נעכטען, צען טעג אין שבט, איז געווען דער פערטער יאָרצייט פון ליובאַוויטשער רבי'ן, אדמו"ר ר' יוסף יצחק שניאורסאָן זצ"ל. דער יאָרצייט איז געפּראַוועט געוואָרן

אָבער געווען דער „פאַרברענגען" (התועדות) נעכטען ביינאַכט. אַרום צוויי טויזענט חסידים און פאַרעהרער האָבן זיך פאַרזאַמעלט אין „בילטמאָר האָל" אין ברוקלין, וואו דער רבי האָט געפּראַוועט אַ טיש. די חסידים זיינען געשטאַנען אויף די בײנק און אויף די פענסטער און וואו נאָר מען האָט זיך געקענט אָנהענגען.

די התועדות האָט זיך אָנגעפאַנגען האַלב נאָך זיבען אין אָוונט און האָט זיך געענדיגט פיר דעם זייגער פאַרטאָג. דאָס פאַרברענגען מיט'ן רבי'ן איז פאַר די חב"ד חסידים געווען אַ

מען האָט געהערט די שטימע פון דעם הויפּט־רב פון ישראל, הרב יצחק הלוי הערצאָג, ווען ער האָט באַגריסט מיט וואַרימע ווערטער דעם גרויסען עולם אין זאַל, ווי אויך דעם איניציאַטאָר און רבי'ן פון דעם „דף השבוע" אויפ'ן ראַדיאָ, הרב פּנחס טייץ.

עס האָבן אויך באַגריסט דער באַרימטער פּאָנעוועזשער רב, איצט אין ישראל, הרב ר' יוסף שלמה כהנמאַן, און דער קלעצקער ראש הישיבה, ר' אהרן קאָטלער.

דער טשערמאַן פון אָוונט איז געווען דער באַקאַנטער אָרטאָדאָקסישער עסקן אוירווינג ביונים.